STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04075

# DI BLOYE SHO

M. H. Likhtshtayn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

[illegible]
פֿאַר
[illegible] [illegible]
מ. ח. ליכטשטיין
פּאַריז, 9-טער אויגוסט
1962

**מ. ח. ליכטשטיין**

# די בלויע שעה

פּאַריז

1962

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון „פאָנד־סאָסיאַל זשוויו״
אין פראַנקרייך

---

הילע געצייכנט פון מאַרק רודניצקי

M. LICHTSTEIN

# L'HEURE BLEUE

Copyright by M. Lichtstein, 3 bis, Rue Cadet - PARIS - 9e

PRINTED IN FRANCE

Imprimerie de la Harpe, 4 Rue des Filles-du-Calvaire - PARIS 3e

אויטאָ־פאָרטרעט

# אַ שטים אין ווינט

אַ שטים האָט גערעדט צו מיר דממה'דיק שטיל:
„כ'בין דער ווינט וואָס רייסט אויף דיין גופ'שן געהיל:
און אין שימער פון געדאַנק און געפיל
ער צינדט אָן אין דיין אינגעווייד
די פאַרסאַדזשעטע דימיון־קנויט,
אין אילוזיע פון לעבן
און אין אַנגסט פאַרן טויט.

כ'קום צו דיר פון יענער זייט פּלויט,
וווּ ס'איז נישטאָ קיין ווייסן און מאָס;
כ'נידער אַראָפּ פון אורפלוס פונעם כאַאָס,
כ'בין ציטער פון אַ וועלטן־האַרץ,
וואָס ווערט קיינמאָל ניט זען און ניט אַנען;
כ'שלאָג אַרויס, אין שטיין און אין אַרץ,
פון פאַרבאָרגענע און קיינמאָל באַגריפענע פאָנטאַנען,

אין אויסדאַכטעניש פון פרייד און פון טרויער
וועבסטו די ראַם פאַר יעדן געשען
וואָס פאַרפליסט אין רוים און אין דויער,
און דיין בלוט ווי בורשטין
ברויזט אין ענדלאָזן געוויין
און טריפט אין יעדן אויגנבליק
פון דיין פאַרגיין.

נאָר פאַרשלאָסן פאַר דיין פיין
אין מיין לעצטע טרייסטנדיקע שיין;
כ'ענטפער ניט אויף דיין רוף,
כל זמן דו ביזט גוף,
וואָס זיינע ווייטיק־צעלן אָן אויפהער שפּינט".
אַזוי האָט גערעדט, צו מיר אַ שטים
אין אייביקייט פונם ווינט.

# יאָמערן אין דער נאַכט

„ווו, ווו, ווו"
צעפּליקט איז מיין רו.
אין נאַכט געוויקלטער מיט שרעק,
ווער האָט מיך פון מיין שלאָף אויפגעוועקט?
ווער האָט עס צעוויגט, צעוויכערט די רוימען?
ווער שלייכט פאַרביי מיין פענסטער, פייפט אַריין אין קוימען,
יאָמערנדיק ווי אַ פאַרוואָגלט יתום־קינד
אין דעם חלל וואָס מיט שוואַרצקייט רינט?
עס איז דער שטילער, מילדער פאַסטעך־ווינט.
— — — — — — — — — — —

דורך טעג און נעכט אויף הימלישע פליינען,
צווישן בלויע בלומען און צעשטראַלטע חנ'ען,
אויף דורכזיכטיקן תכלת־באָדן,
ווו עס וואַקסן ווי בלומען די ליכטיקע גנאָדן,
געפּאַשעט האָט ער אין שלוה און רואיקער מי
די סטאַדעס הימלישע פי.
ביז עס זיינען געקומען די וועלפישע כמאַרע־האָרדעס
מיט גיריקע, אויסגעשפּיצטע פאַרבלוטיקטע מאָרדעס.
— — — — — — — — — — —

איצט פייפט ער און יאָמערט דער פאַסטעך־ווינט
און פון זיין יאָמער מיין טרייסט אַנטרינט,
ער רופט צו מזרח און מערב, צו דרום און צפון:
ווו איז דאָס לעצטע שעפּסעלע פון האָפן?
דאָס מילדע שעפעלע פון בענקשאַפט און שלום,
די וועלף האָבן עס פאַרצוקט אָדער עס טוליעט זיך
אין די פאַלדן פון חלום,
אין וואַקסנדיקער אַנגסט אין צעטרייסלטער רו?
„ווו, ווו, ווו"?

# בלעטער אין ווינט

צו אַ שורה אָלכעס, — אין הימל־בלוי געפּאַסט, —
געקומען איז דער בוימער־פריינט, דער ווינט, צו גאַסט;
ער שפּילט זיך זילבערדיק מיט בלעטער, ער שטיפט און שפּאַסט.

ער צעוויגט אַרום די קריסטאַל־קלאָרע לופט
און צו בלעטער רעדט ער אין אַ שפּראַך פון דופט;
צו הימל־הויך און וואָלקן־ווייס ער רופט.

נאָר אין צעברויזטן רוים און צעוויגטן חלל
בלייבן בלעטער באַהאָפטן צום בוים, וואָס איז מתפלל
און שיקט צום צמחים־שר זיין גרינעם הלל.

# יוני-געלעכטער

פון הינטער מאָנמאַרטרשע הויפן באַהאַלטן אין אַ ווינקל פון אַ מויער,
צעקודלעט אין בוימערשע קרוינען און צעכוואַליעט מיט פינקל אין גראָז,
דער ווינט אויפן פּאַפּיר אין מיין האַנט האָט געלויערט
און פּלוצים אויף מיר און מיין דלאָניע שטיפעריש געטאָן אַ בלאָז.

מיט פינגער וויכערדיקע דאָס בלעטל פון מיין האַנט אַרויסגעריסן,
זיך געלאָזט דערמיט אין קאַראַהאָד איבער ברוק און טראָטואַר
און עס האָט די שטילקייט געשטוינט אין אייביקן פליסן
איבער דער אותיות־נעץ פון איינעם אַ דיכטער אַ נאַר,

וואָס אין איר האָט ער פאַנגען געוואָלט
בוימער־שאָרך, פיאָלעטענעם שאָטן־געשפין,
בלעטער־ציטער, גראָזן־געזאַנג, יוני־גאָלד
און צעברויזטע רחבות פון שמאַראַגד־גרין.

עס האָבן שטראַלן איבערן פּאַפּיר זיך געבויגן
און לייענענדיק די שריפט זוניק געלאַכט,
מיט בונטע, צעשימערטע אויגן;
„אָט מיט וואָס אַ מענטש זיין צייט האָט פאַרבראַכט“.

# ווינט ביים ים

כוואַליעס־ברויז, ווייסער פערל־שוים;
אין שוים פון זעגל־שיף, אין ווייס פון מעוועס־פלי
טרייער וועלטן־ווינט האָט זיך איינגעשפּאַנט.
דעם שוואַרצן טרויער שלעפּט ער ווי אַ פערד,
וואָס האָט מיט זיין גזשיווע די פיין־שטויבן אויסגעקערט.
זינג האַרץ, ווי אַ פּלאַנעטן סייסמאָגראַף,
פאַרשרייב אַלע ציטערס און קלייד
דיין אומעט אין שימער פון פרייד;
זינג דאָס ליד פון העלן, פון זוניקן באַשאַף.
צום אויף און אָפּ פון כוואַליעס
ווערט יש געבוירן פון כאַאָס;
ווענוס גייט אויף פון ימען־שוים
און פאַרבלענדט מיט מאַרמאָר־לייב דעם רוים.
כ'הער ווי ס'כישופן סירענעס־כאָרן;
ס'איז פון שיפן־קרעכץ געזאַנג געוואָרן.
אַלע ערדן, אַלע ווענוס, גאָר די פּלאַנעטן,
ציען זיך צו געהיימע מאַגנעטן
און טרעפן זיך אויף שפּיגל־פלאַך פון לעגענדאַרע רעאַליטעטן,
מיין גוף צעקנעטן
וויכערדיקע הענט
און צעשפּרייטן אים אין אומענד.
כ'פיל נישט קיין וויטאָק, קיין ריס;
עס רינט אין מיר דער קאָסמישער האָניק אַזוי מילד און זיס.
— — — — — — — — — — — —
ווי אַ הונט האָט זיך איצט אין דרימל
צעלייגט דער ווינט אונטער בלויקייט פון הימל.
ס'קרייזלט זיך וואָלקן אין העלבלענד;
און כ'האָב אין נירוואַנאַ פאַרזונקען מיינע הענט.
זינג, האַרץ אָן אַ ניגון און קול;
פריי ביזטו איצט פון דיין שטענדיקן עול.

# נאָקטורן

כ׳בין אין דער נאַכטישער שוואַרץ;
אויף שיין פון לאַמטערן הענגט ציטערדיק מיין האַרץ.
כ׳בין אין געוועב פון ליכטער און פאַרבן,
אין וועמענס נעצן די ווייסע פלאַטערלעך שטאַרבן.
מיין בליק גייט נאָך דעם גלי פון רעקלאַמעס,
און אין שטילע, שטילע גאַמעס,
שעפטשע איך תפילות נישט אויסגערעדטע,
אין אָט־די נאַכט־שעהן שפעטע.
אַ קינד, בין איך איצט, וואָס האָט מיט ווינט
זיך פאַרשפּילט אין וואַלד, נאָר דער צויבער צערינט,
און ס׳האָט זיך געעפנט אַן אימה־קוואַל;
און כ׳הענג אויף מיין אומעט אויף לבנה־שטראַל.
און ס׳ריזלט אין געוויין מיין בלוט.
די נאַכט אין מיין טרויער אָטעמט און רוט,
ווי אַ מאָנסטער מיט טויזנט אויגן און קעפּ,
באַהאָנגען מיט צויטן פון שוואַרצן קרעפּ.

# נאַכט אין אומענד

לאַמטערן־אויגן אין בוימער פון אַלייען.
וואָס אין נאַכטישער פערספעקטיוו פאַרגייען.
פאַרוויקלט אין זייד איז די שטאָט און פאַרבליפט;
און כ׳הער ווי די שטילקייט אומענדלעך טריפט.
ס׳איז ברונעם פון דער נאַכט אָן אַ ברעג, אָן אַ דנאָ.
ס׳איז עמעצער דאָ פאַרביי און איצט איז ער שוין נישטאָ.
ווער איז דאָ געווען און וווהין איז ער אַוועק?
ס׳בלינצלט די נאַכט מיט געשפּענסטער־שרעק.
אומוויסנדיק און בלייך שטרעק איך אויס מיינע הענט;
ס׳איז שוואַרצקייט אין מיר און אין אומענד.

# פלאַטער אין דער נאַכט

לבנה־צאָן בייס זיך אין מיר נישט אַריין,
צערייץ נישט די ווונד מיט דיין פּליסנדיקן שיין.
בלוי־אויגיקע וואַרף נישט דיין בליק
ווי אַ פייל אויף מיין האַרץ.

וואָס קאָרטשעט זיך אין אומגליק
נעכט, מיינע נעכט, גייט אין שטילקייט אַוועק,
פאַרוועבט נישט אויף מיין קאָפּ
די נעץ פון שאָטנס און שרעק.

כ'בין געקומען אַ הער,
כ'ווייס נישט פונוואַנען.
ס'גליווערט זילבערדיק מיין טרער
צום רויש פון געהיימע פאָנטאַנען.

# ירושה

אָפּנקייט, שאָרכען, שטילקייטן,
פאַרהוילענע און געהיימע רעאַליטעטן;
מורמלען, פאַרלוירנקייטן,
פלאַטער־תפילות, ציטערדיקע געבעטן.
— — — — — — — — —

ס'איז אַלץ און ס'איז קיין זאַך נישטאָ;
דער ווינט פאַרטראָגט ווי אַ בלאַט יעדן „יאָ".
און די זון אין בוים שפּילט
און ווערט דערנאָך אין כמאַרע פאַרהילט.
— — — — — — — — —

אין מיין דמיון איז פאַראַן יעדע זאַך.
ס'שפּיגלט זיך דאָרט די הויך און די פלאַך.
און כ'פלעכט פון רגע'ס אַ בלומען־קראַנץ
אין פאַרשווינד פון דעם שימער און גלאַנץ.
— — — — — — — — —

בלייכקייטן, דעמערן, פאַרווישטע פאַרבן;
געקומען די צייט איז צו שטאַרבן.
כ'טראָג צו מיין קבר געל־פאַרוועלקטע גאַרבן,
אין בלאַסקייטן און אַנונגען געהיימע.
און מורמל צו געשפּענסטער אין אימה:
„ווער וועט מיך איצטער אַרבן?"
— — — — — — — — —

געווען איז אַ וועלט און נישטאָ מער;
נאָך צאַפּלט אין פּינקל פון מיין טרער
איר פאַרלאָשענער, צערונענער שיין.
און וואָס וועט איצט קומען? וואָס וועט עס זיין?
— — — — — — — — —

# וויג-ליד צו מיין היים-שטעטל

שלאָף מיין שטעטעלע אין טויט,
אין די סטאַוון פון דיין גאַס,
פאַרבלייכט לעצטער שפור פון רויט,
זיי שטומען שוין שטאַר און בלאַס...

זיי שטומען שוין שטאַר און בלאַס —
אַ שטערן צעשימערט די זילבער־פלאַך.
עס טובלט זיך אַ בלויער הימל־פאַס,
נישט באַרירט פון קיין שום זאַך.

נישט באַרירט פון קיין שום זאַך —
גאָרנישט נישט געזען, געהערט;
ווינט דער ווינט אין ווערבעס־סכך,
בויגט אין צער זיי צו דער ערד.

שלאָף מיין שטעטעלע אין טויט —
מיין אויג דעמערט פאַרצויגן נאַס;
אויסגעהויכט פון זייער בלוט דאָס רויט
אין דיין שוידער־שטומער גאַס...

# די ערדישע בײַט

(סאָנעט)

ווי אויף צעוואַקסענע מנורות פון שטאַנגען,
ברענען בלומען אין בונטן פלאַם,
בליקנדיק מיט סאַמעט־אויגן און בלוטיקע פאַרלאַנגען
דורך קנויליקער צעוואַקסנקייט פון שטאַם.

און פלוצים פאַרלאָזט אַ בלום די פלאַנצן־ראַם
און שוועבט אַרויף אין דופטיקן קאַראַהאָד,
זיך רייסנדיק ווי אַ שמעטערלינג אין לופטיקן סתם
צו יענער זייט מויער, ווו עס נעסטיקט אייביקער סוד.

נאָר צעפּעכערטער פאַרבן־גוף, פון פייגל און דיכטער פאַרגעטערט,
אין האַרטער וואַנט שטויסט זיך אָן, ווערט צעשמעטערט.
עס פלאַטערט איצט אויף תליה פון בוים אין גרינקייט צעבלעטערט
געוואַרט האָט אויף אים אַ האַנט אין צעשפּרייטן לויער,
די האַנט וואָס פאַרזייט שטענדיק די ערדישע בייט מיט נייעם טרויער
קנעטנדיק לעבן און טויט אויף יענער זייט מויער.

# שפעט-זומער

דער זומער פאַרהאַלט נאָך זיין הייסן אָטעם אויף ערד;
ער וואַרעמט די גראָזן און מיט נימבן פון ליכט
נעמט ער די ביימער אַרום.

די שפע פון בלוי פליסט פון הימלען אין סנאָפּעס פון שיין געבונדן
און אויף טעפּיכער פון גרינס, — זיינע ווונדן, —
דאַכט זיך — האָט אין געראַניום-בלום, —
אַ שטראַלנדיקער גאָט אויסגעטריפט.
צום געזאַנג פון אַ דינער פאַסטעך-פּלייט
פאַרלאָז איך די שטאָט.
אין זאַמד און אין קוסט, צווישן ווייַנבלאַט און שטיין,
גיי איך מיין גאַנג.
ניט קיין אַנדער זאַך ווי אַלץ אַרום מיר וואָס וויברירט,
אַ טייל פון דער באַוועגונג, אַ קלאַנג,
אַן אַקאָרד,
וואָס באַפּעלט מעלאָדיש
מיין אָרעמען וואָרט.

# אין שניי

דער בלויער אומעט פון שנייאיקן דאַך
שלייכט שטיל אַריין אין מיין הויז,
אין אַ שלייער וויקלט ער מיין טרויער וואָס האַלט וואַך
און פירט מיך צום דרויסן אַרויס.
— — — — — — — — — —

צום לאַנג פאַרשלונגענעם שליטן־געקלאַנג,
פאַרוועבט מיך אין פוכיקן געשפּין,
רופט מיך צום לופטיקן שוועבנדיקן גאַנג
און זאָגט מיר: „אין ווייסקייט צערין.
— — — — — — — — — —

פאַרגיי און פאַרשווינד אין מרחק ווי דער ווילדער עוף
וואָס אין שניי־בלענד געצייכנט האָט אַ קרייז און איז פאַרשוווּנדן
דאָס לעבן האָט נישט קיין אָנהויב, קיין סוף,
אייביק רינט דאָס בלוט פון אָפענע וווּנדן.
— — — — — — — — — —

און עס ריזלט אין שוואַרצן גוף ווי אין טרוים,
אַלץ איינס צי עס וועקט אומעט צי פרייד
אין דער נשמה וואָס פלאַטערט אין גליווער פון רוים.
— — — — — — — — — —

אונטער הימל וואָס שנייט — סיי דער ווייטיק
סיי דאָס לעבן פאַרגייט״.

# טראָפּנס שײַן

דאָס לעבן איז אין דינקייטן; ס׳איז אַ שטראָם
וואָס ריזלט אַ פאַרהוילענער בײַם גרויסן תּהום.

כ׳בין אין אים אײַנגעשלאָסן מיט אַלע מײַנע רמ״ח אבֿרים
דאָס לעבן וואַקסט אויף חורבֿות, ס׳שפּראָצט אויף קבֿרים.

דער שטראָם הערט קיינמאָל ניט אויף, נאָר די טראָפּנס פאַלן... פאַלן...
בין איך אַ טראָפּן אָדער דער לעבנס־סוד אין קוואַלן?

די פאָרמען און די פאַרבן, די האַרטקייטן, די ווייכקייטן און קאָנטורן.
זיי אַלע פאַרשווינדן;
ס׳בלייבן מעכטיקע, בראשיתדיקע, וויכער־אָטעמדיקע ווינטן.

דער זין פון דער באַוועגונג איז אויף יענער זײַט פון יעדן וויסן.
נישט אין פרייד איז ער און נישט אין אומעט; ער איז אין אייביקן פליסן,

אין געשאָרך פון סוד צו סוד, פון אַטאָם צו אַטאָם.
אין האַסטיקן ריזלען פונעם שטענדיקן שטראָם.

# שקיעה

אין די ראָזע גנעפּלען פון שקיעה־ווייַן
בלייכט נאָך אַלץ דיין פּראָפיל פון אַלבאַסטער.

באַלד וועט קיניגן די בלוי, צעצונדענע פון שטערן־שיין
און דער מולד וועט אויפטויכן אַ זילבערנער, פאַרבלאַסטער.

און אין קלאַנג פון קלאַרנעט, אין דינעם יאָמערן פון פליים
עס וועט דיין שאָטן מיך נאָכגיין ווי אַ הונט.

איך האָב נאָך אַלץ צו מיין חלום קיין באַשייד
און אייביק רינט דאָס בלוט פון מיין וווּנד.

# עטער צעגייט אין בלוי

עטער צעגייט אין בלוי,
ס׳קרייזן זיך די צען ספירות;
קודלעס פון בוים אין בלעטער
אין גרינער עשירות.

הויך איז נאָך העכער
און ס׳לאָקט מיט צויבער די טיף;
ס׳שווימט צו דער אומענדלעכקייט
א ווייסע וואָלקן־שיף.

ווער זענען די פּאַסאַזשירן אויף איר?
ס׳איז גוט צו פאַרוואַרפן די אַנגסטן און שרעק
און שווימען מיט זיי
צו אַ ווייטן פאַרהוילענעם ברעג.

# ערב-האַרבסט

אַן עדה עפּל־בוימער אין שטילקייט האָט זיך פאַרבונדן
מיט אַ שורה שלאַנקע טאָפּאָלן אין סודותדיקן שפּרוך.
עס לעקן ליכטער מיט באַלזאַם־טראָפּנס מיינע וווּנדן,
מיך פאַרשיכּורט האַרב־האַרבסטיקער האָניק־געררוך.

באַלד, אין בורשטין און אין צונטער־קופּער צעצונדן,
וועלן זיך צירן ווינט־צעציטערטע בוימער־קרוינען.
אונטער גרויען הימל די געלאָשענע גרין וועט זיין פאַרשווּנדן
שניידיקער קאַלטער אָטעם וועט קיין גרעזעלע נישט שוינען.

נאָר אַ בלויע בריק ליגט אויסגעשפּרייזט אין הימל, אין רונדן,
זי פירט צו זון און שווימענדיקע, ווייס־צעשוימטע וואָלקן־שיפן.
און מיין האַרץ געשלאָסן האָט זיינע אינטימע בונדן
מיט אַלע וויבראַציעס, אַלע אָנזאָגן, אַלע שטומע היראָגליפן.

# צייט

געזעץ האָב איך די שטילקייט זיך שפּיגלען אין טייך.
געווען איז די בלוי מיט ליכטער און טונקעלנישן רייך,

מעוועס ווי זילבערנע שערן געשניטן האָבן די לופט.
און פּלוצים האָב איך דערהערט ווי די שטילקייט מיך רופט:

ס'לאָקן מיך בוימער וואָס ציטערן אין עטער,
נאַקעטע, מילדע בוימער, אַרומגעביסענע פון בלעטער.

ס'ווינקט די צייט וואָס פינקלט אין פלוס.
און פאַרבאָרגענע ליפּן מורמלען צו מיר אַ גרוס.

פון טויט צי פון לעבן? כ'קען עס ניט וויסן.
מיין „איך" איז אַ טראָפּן פון אייביקן פליסן.

# האַרבסט-באַלאַדע

פאַרטאַיעט צווישן ברעגיקע קוסטעס, אין זוניקן טאָל,
פון באַלאָדענע זאַמדן ביים שוועל פון מיין קינדערשן אַמאָל,
מיט אַ בליאַסק ווי אַ שווערד געלויערט האָט טויט.
מיט אַ קנאַכיקער האַנט צעוואָרפן דעם בנין
וואָס אין שימער פון דימיון מיינע הענט האָבן געבויט.

*

ביי מיין הויז איז אַן אַזיערע ווילד און מילד געפלאָסן.
דאָרט אין פערלדיקע טיפן, געוווינט האָט מיין ערדישער שוועסטערס חתן
זיינען איינמאָל געקומען סירענעס וואָס האָבן געלאָקט און געזונגען;
אַ שוואַרצע וואַסער־חופה האָט מיין שוועסטער פאַרשלונגען.

*

אויף דער דיל איז געלעגן מיין שוועסטער
אויפן פנים — אַ שלייער פון שוים
און דאַן ווי אַ טרויער־שפּיגל איבערקערט האָט זיך דער רוים,
אין זיין תהומות־פלאַך זיך צינדן ליכטער און העלישע שרפות
דאָרטן ווערן געשאָכטן, געפליקט מענטשלעכע עופות.

*

און אויף ערדישע וועגן באַשאָטן מיט בלעטער פון אָסיען
געאָרעמט שוועבט זי מיט איר אַמאָליקן חתן,
מיין שוועסטער פאַרפלאָכטן אין צווייגן און גאַרבן.
און איך גיי אין די פוסטריט פון איר אייביקן שטאַרבן,
געצויגן פון אַלע גראָזן און שטויבן, ווי פון מאַגנעטן.
איך קוש אירע בלויע שלייער־נעפּלען אין האַרבסט, אין דעם שפּעטן...

# די אָלכע

די אָלכע גרינט אין איר מאַנטל פון בלעטער.
זי שטייט פאַרחלש'ט אין בלוי פונעם עטער.
אירע צווייגן צו זון און זעניט — אויסגעשטרעקט.
אַ לייכט ווינטל אירע קרויזן גלעט און וועקט.

די אָלכע הויכט אויס איר גרינעם אומעט;
ווי אַ בין אַרום איר וואָלט פאַרשיכורט געזשומעט

ס'וועלן אירע בלעטער אַלע שטופּן פון גרין דורכגיין;
ביז ס'וועט זייער גרינקייט אין האַרבסטגאָלד פאַרגיין,
אין קופּער פון שקיעה אין זאַפראַן און צונטער־רויט;
אין אָקער־העלקייט, לופטיקייט און דורכזיכט פונעם טויט.

# אײביקע פרײד

קערנדלעך פרײד, אײביקע פרײד —
אין עטער צעשפּרײט.

װינטן ברענגען זײ צו מיר.
הימל־װאָלקנס ציען,
װיקלען זיך אין אויפלויכטן,
גײען זײער אײביקן גאַנג.
און כ׳װײס: צו װאָס,
כ׳װײס: װוּהין.
בלויער הימל־קופּאָל
איז נאָר אַ מחיצה
צװישן מיר און אים.
און מײן אויג רײסט איצט אויף אַלע װענט
און זעט
און דערקענט.
כ׳דערקען זיך אַלײן —
אַ קערנדל אײביקײט, אַ קערנדל פרײד
פון אַלע בראשית׳ן, אין אַלע סופ׳ן;
װאָס קײנמאָל פאַרגײט.

ס׳איז אויג מײנס און האַרץ אַזוי אָפן.
קײן שטויבעלע אומעט מײן זעונג פאַרשטעלט.
כ׳זע מײן אײגענעם גאַנג אין דער װעלט.

# און איצט...

און איצט וויל איך אַזוי דרימלען מיט גראָזן אויף זון.
מיין פּנים פאַרלאָזן
אויף וואַרעמען גנאָד.
אַ גרעזעלע אַליין,
אַ שטיק פעלד, אַ וועלטישער סוד.
דרימלען און חלומען אַלע מעשי בראשית,
זאַכן אַלטע און אין זייער אַלטקייט — ניי.
פאַרצויגענע מיט בלוי־נעפּלען אורוועלדער,
אַ בלוטיק האַרץ, וואָס איז פון חומר געוואָרן פריי
און צאַפּלט און גייט ווי דער וועלטישער זייגער.
און שפּעטער — גוף מאַשין.
און שפּעטער — אָפּפאַל און מענטשן־פּגר,
איצט אָבער — איין דימענזיע, איין רוים.
איין צייט:
אייביקייט, זון און טרוים.
איך בין ניט איך, וועלט איז ניט וועלט.
אַלץ אין עטער וויברירט און צערינט.
ס'איז אַלץ מיט אַלעמען דורך אומזעבאַרע פעדים,
אַזוי וווּנדערלעך געבונדן
און פאַרשפּינט.

# און דער צווייט וועט אויפגיין

און דער צווייט וועט אויפגיין; עס קנאָספּיקט שוין דער בוים.
אין פּערל־בלייך, אין נעפּל־בלוי, שמאַראַגד און סעלעדרין
רויכערט אויף ערד מעוברת׳ער די ער אײַדעלער רוים.
צווייג ווי אַן עופּהלע אויסגעפּיקט פון איי פּוכיקט מיט גרין.
באָר זע, מיין פייגעלע קומט מער נישט צוריק!
באַפרייט פון דער שוואַרצער שטייג איז עס פאַרפלויגן צום טויט;
זיין שווונג וועט נישט שימערן מער פאַר מיין דורשטיקן בליק.
ס׳איז אַוועק, ס׳איז אַוועק אויף יענער זייט פּלויט.
אַהין ווו אין בורשטין און אין פּורפּור קומט און פאַרגייט
דער צווייט ווי קאָנפעטי אויף אונדזער אָרעמער ערד;
דאָרט ווו מיין טרויער אין אײַנזאַמקייט ליגט אויסגעשפּרייט,
און אין רעגנס פון פרילינג מיין אויג איז פאַרטרערט.
פון דאָרט קומט צו שווימען אַ וואָלקן ווי אַ זעגל־שיף,
און וואַרט ביז אַלץ אין מיר וואָס איז רויט
וועט אויסדעמפּן אין טיפסטער טיף,
און ביז דער ווייסער שוים פון דער אייביקייט
ווירבלען וועט אין מיין טויט.

# האַרבסטיקס

קום מיט מיר אין רעגן־טריב;
די מאָכיקע ווייכקייט נעם אָן פאַר ליב.
קום מיט מיר אין האַרבסט־וואַלד, ווו דער ווינט,
דורך יעדן בלאַט, מיט טרערן רינט.

פאַרגיי ווי איך אין מורמל פון געבעט;
רעד צו זיך אַליין ווי די שטילקייט צו זיך רעדט.
טויך אויף אין פאַרבן־בלי און פאַרבלי;
אין שימער, דעמער און פייגל־פלי.

אין האַרבסטיקן פאַרזיי,
מיט דיין איך ווי דער זאָמען־קערן פאַרגיי
און גיי אויף אין אַקער־בייט,
געוואָרצלט צו שוואַרץ־ערד מיט אומזעבאַרער קייט.

# שקיעה-אומעט

אין מיר האָט אָנגעטריפט אַ ליד
מיט פלאַטער פליגל אָנגעקלאַפּט אין מיין געמיט;
צום הימל־ראַנד געטאָן אַ ווונק,
און זיך צעצונדן אין אַ העלישן פונק.
אין וואָלקן־פלאַם ברעוט אַ ציטערדיקע צווייג,
און ליד מיך לאָקט אַרויס פון גאַסן־שטייג,
עס פירט מיך ווייט, גאָר ווייט אַוועק,
צום לאַנד פון תמימותדיקער, ערשטער שרעק,
וווּ די הייזקעס, פאַרזונקענע אין גראָז,
באַוואַכט אַ זילבער־שטאַמיקע בעריאָזע, צעפּעכערט פון ווינטן־בלאָז.
אַ מיידל פון פעלד, שפּרייזט אין שקיעה־רויט,
דאָס געזיכט ברוין, ווי ראַזאָווע ברויט,
דער האַלדז אויסגעשטרעקט ווי אַ ווייסע שוואַן,
ערגעץ אין אַ פענצטער פינקלט אַ קופּער־פאַן,
די זון מיט מילדקייט קוקט אין איר אַריין,
און עס פליסט איר ליכט ווי שוימיקער וויין,
אַ פויער גייט איין פעלד, ווי אַ זאַנג, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ,
דער אָוונט־מאָל ווינקט צו אים פון אַ שוואַרצן טאָפּ.
דער פרילינג ווינט אויף ווערבעס מיט אומעטיקע לידער,
זיין געזאַנג צעגייט זיך אין אַלע צווייגן־גלידער.
ס׳קרייזלט זיך דער טרוים ווי אַ בלויער רויך,
פון עלדאָראַדאָס פאַרזונקענע אָטעמט אַ לייכטער הויך
אויף ערד, אַ דורכגעלויכטענע פון שקיעה־פלאַמען.
פרילינג־ווינטן קנעטן לעבן און טויט צוזאַמען.
זיי מישן קאַרשן־זאַפט, אָראַנזש און סעלעדין; —
פּורפּור־רויט, קאַרמען, באָרדאָ און ציטרין,
אַלע קאָנטורן צערינען אין דעם שפּיל פון פאַרבן.
און עס באַפאַלט אַ זיסער באַנג מיך, ביז שטאַרבן...
איך פאַל צו ערד צו אויסגעשעפּט, פאַרשמאַכט, מיד
און זוך אַ מקלט אין מיין ליד.

# שטאם

ס׳פאַלן בוימער אום — ס׳בלייבט דער וואַלד,
יעדער בוים, פֿאַרשניטן פון העקער־גוואַלד,

שוואַרצט און בלוטיקט, ווי אַן אַרויסגעריסענער צאָן.
ס׳לעבט אָבער וואַלד, ס׳וואַקסן נייע בוימער אָן.

אין גרויסן, געדיכטן וואַלד פון פאָלק קום מיט מיר אַריין.
וואַרף אין זיינע שאָטנס זיך, טונק זיך אין זיין שיין.

יידיש פאָלק צעוואַקסן אין דער צייט, פאַרוואונדעט און צעריסן,
בלוטנדיק דורך אַלע זיינע שפּאַלטן און פאַרסמ׳ט
פון אַזויפיל שלאַנגען־ביסן!...

יידיש פאָלק — וועלטס געוויסן!

אָ, שטיל איין, מיין האַרץ, דעם ווי פון
דיינע אַלע שוידער־טראָפּן.
קום מיט מיר אַריין אין וואַלד פון פאָלק
און זינג זיין ליד פון אייביקן שאַפן.

# כ׳זע

כ׳זע ווי איבער די הייזער־ווענט,
איבער דעכער און פענצטער־גויט, —
שלאַנקע בוימער גיבן זיך הענט
אין רויכיקער לופט, וואָס בלויט.

צווייגן אין זיגזאַגן באַבלעטערט דיין
פלעכטן פון טריומף אַ טויער,
פאַר זשומענדיקער זונען־בין,
פאַר גרויסן וועלטן אומגעהויער.

כ׳זע ווי ליכט און העלע גרין,
צעשטראַלטע קומען פון דאָרט
און גייען ווידער אַהין
ווו ס׳פאַרגייען קלאַנג און וואָרט.

און כ׳זאָג צום טרויער אין מיר:
פאַרשטעל ניט ליכט מיט דיין שוואַרץ.
לאָז עפענען ברייט די טיר
צום אַרום מיין מידן האַרץ.

ס׳וועט אויך בוים אין טויט פאַרגיין,
פרילינג־בלאַט אין שמאַך פון האַרבסט.
ס׳וועט דאָך לעבן אייביק אויפגיין,
אפילו ווען דו שטאַרבסט.

# זונוועב

אין אַלע אויגן בליקט די זון אַריין;
ס׳הויטיקט אויף יעדן פּנים איר בלענדיק שיין.
אין רויט פון בלוט באָדט זיך איר געפלעכט פון שטראַל
און ס׳פּאַלט איר ליכט אויף שטייניקן וועג צום ריזלדיקן קוואַל

אין וויכן סאַמעטגרין בריט זיך גאָלדיקער זאַמד,
מיט בלוי־רויכיקע וועלדער ראַנדן באַראַמט.
דאָס מידע האַרץ פון וואָגל דאָרט זיך רוט אָפּ
אין דרימל פון ליכט זינקט אַראָפּ דער צעשמעטערטער קאָפּ.
— איך שלאָף — רעדט די זון — שלאָף אויך איין אין רו.
אין יעדן שטיינדעלע, יעדן גרעזעלע שטויבעלע — ביזטו,
וויברירסט אין יעדן צוק פון אַ פּיין, אין יעדן שמייכל פון שיין
פאַל אַנידער אויף ערדישער שויס און שלאָף פרידליך איין.

ווייט נאָך איז צום טאָג דעם לעצטן פון שרפה־פאַרלענד.
דער באַשאַף האָט אָפּגערוקט פון זיך די אַפּאָקליפּטישע ענד.
אַזוי לאַנג ווי כ׳האַלט אַלע דיינע חושים אויף מיין פאָדעם.
וואַרף אָפּ און באַצויבער אַלע געשפּענסטער און פחדים.

# יוני-געבעט

וויג מיך איין אין דיר,
ווי דו וויגסט איין אַ בוים,
אין ווינט, אין תכלת און אין יוני־גאָלד.
כ׳וואָלט
ווי ער, אַ קינד פון דעם רוים,
מיט צווייגן־הענט צו ליכט זיך געצויגן.
הימל־מילך פון וואָלקן־ברוסטן געזויגן,
און פאַרגאַנגען אין שלאָף
און אין שלוה פון אין־סוף.

# אַ לאַנדשאַפט

אַ שורה ציפּרעסן, וויגנדיק דעם ווינט אויף זייערע צווייגן־הענט,
בויגן זיך איבער אָקער־גע לעע און מילך־ווייסע ווענט,

פּאַסאַדן שטומע קוקן אַרויס מיט זייערע פּירעקן פון שויבן־שוואַרץ
אַשיק־בלויער דעכער־טרויער בליקט אַריין מיט בענקשאַפט אין האַרץ.

עס הוידעט זיך צעפּאַסמעט אויף גרינעם פּליוש פון בוים,
דער בלוי־געשטרייפטער, ווייס־וואָלקנדיקער הימל־רוים

אין אַ קילן געלעגער פון שטיין און בעטאָן — די סען,
אונטער בריקן באַהאַלטן און אומגעזען,

פליסט ווי אין אַ לעגענדע, ווי קיינמאָל ניט געווען.

# מורמל אין דער נאַכט

כ׳וואַרף אַ בליק, ווי אַ דינע ווענדקע־שנור,
צום טיפן הימל אין פּייערלעכן אַזור;
האָט מיין אויג אַ שטערן געפאַנגען,
אַ שטערן פון בלויע ספערן
און מאַגנעטישע געזאַנגען.

כ׳קוק זיך אַרום:
די רחובות׳ן זענען שטיל און פרום.
אַ בוים האָט צום ליכט פון אַ לאַמטערן
אויסגעשטרעקט זיין צווייגן־האַנט,
באַשאָטן מיט פערל־צוויט ווי פאַרגליווערטע טרערן,
כ׳הער דעם מורמל פון דער נאַכט צו די שטערן:

„איז די האָפענונג פון דער וועלט געשטאָרבן
צי האַלט זי איצט ביי געבוירן ווערן?"

# אין אַ שטערנדיקער נאַכט

כ׳עפן מיין טיר און פאַרזינק
אין טינטיקער שוואַרץ;
דריי איך אויף די קראַנען פון ליכט
און לאָז זינגען מיין האַרץ.
נאַכט. אַ זילבערנער מולד
אין באַשטערנטער בלוי,
דער ווינט אין בוימער קודלעס,
אין גראָזן — פאַרבאָרגענער טוי.
בעטן זיך ווערטער אין ריטמישער ריי
צום שפּיץ פון מיין פעדער,
דורכגעזאַפּטע מיט ריח פון היי,
ווערטער פון גערטנער און סעדער,
ווערטער פון ליכט און פון טרייסט.
זיי באַוואַכן מיין רו־געלעגער.
נאָר כ׳שווייג לאַנג, איינגעהאַלטן,
כ׳מעסט די שטילקייט און כ׳צעגער
ס׳זענען אַזוי פיל ווערטער שוין
געוואָרפן געוואָרן אין נאַכטישער שויס
און קיינמאָל ניט אויסגעשעפּט איר סוד,
קיינמאָל איז נשמה פון בענקשאַפט אַרויס...
אייביק טריפט שיינקייט און שלאָגט
ווי פון אַן אָפענער וווּנד.
און איך מיט שטילקייט און מיט סוד
כ׳האָב געשלאָסן אַ בונד...

# אין שאָרך פון די טעג

טעג ווי לעגענדעס
אין הימלען אַזורענע שווימען פאַרביי
זיך שיפּנדיק, מיט ווּעסלעס פון גאָלד
אין אין־סוף פון בלוי.
עס ציטערט דאָס ליכט אויף זיי, ווי ס׳וואָלט
זייער ווּנדער אין עטער פאַרשריבן.

טעג ווי לעגענדעס, —
צעטרעט ניט דעם דינעם געוועב
פון זייער גאַנג, ניט שענדט עס!
צעפּליק ניט די זון־קנאָספּן
און צעשטויב ניט די בונטע גאַרבן
וואָס גייען אין פלאַטער פאַרביי
ביז זיי שטאַרבן,

פאַרשווּעך ניט דעם אָטעם
וואָס זייער שטומקייט הויכט אַרויס.
דאָס לעבן איז הייליק און גרויס!
געלייטערט אין יסורים און פּיין.
דעם סוד פון די טעג טראָג אין זיך ביזן סוף

ביז דיינע אויגן מאַכן זיך צו
צום אייביקן שלאָף.
ווייל אויך די טעג, די לעגענדעס, —
אין זייערע בלויע בראשיתן, —
בענקען צו אַלבאַסטרענע ענדעס.

# גאָט האָט ליב

גאָט האָט ליב די פאַרלאָזענע שטילע פלעצער
וואָס זאַמדיקן און גרינען אין בלוי פון אַ האַרבסט־טאָג, —
ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן ווינקעלע, ביי אַ גאַסן־ראָג
צווישן נאַקעטע רואינען־ווענט, מיט אַ בוים ביי דער זייט

וואָס אַ העלפט פון זיינע בלעטער האָט אויסגעצאַפּט דער האַרבסט
און די צווייטע שימערט אין גאָלד.
גאָט האָט ליב די נידעריקע הויז,
דעם רויטן שינדל־דאַך.

ער בליקט מיט מילדקייט אויף יעדער שטילער זאַך
ער אומעטיקט מיטן גראָז, וואָס איז צעטראָטן שוואַרץ.
ער איז מיט יעדן פאָרכטיקן און עניוותדיקן האַרץ.
ב׳שפיר, אין אַלע מיין פיין־רינוועס: גאָט איז מיט מיר.

# די סען

אין שטאָל־בלויען אומעט — די סען —
שלענגלט זיך דורך שטיין און בעטאָן.
אין גרוי־גרין איז קיין מעווע צו זען,
ס'זאָל מיט זילבער איר בוזעם אַ גלעט טאָן.

— — — — — — — — — —

עס שטאַרן נאָר הייזער־פאַסאַדן און בריקן
מיט פרעמדקייט שפּיזט דורך דער אייפּל־טורעם
דעם הימל. אין ערגעץ נישט צו געפּינען אַ תיקון
קיין אויסגאַנג פון מענטשנס יסורים.

— — — — — — — — — —

עס רייסט זיך די סען די שטאָט צו פאַרלאָזן,
צו וואַשן די רחבות פון פעלדער און פליינען,
זיך באָדן אין זון און אין שפּע פון גראָזן
און צוזאַמען מיט ווינטן וואָיען און ווינען,

— — — — — — — — — —

ווייטער, אַלץ ווייטער און ווייטער!
צום ים־שטאַם און צו אור־עלעמענט!
אין דער צעברויזקייט דער פאַרשייטער
פון דער סטיכיע האָט זי איר ציל דערקענט.

— — — — — — — — — —

אויף איר וועג שפּרייט אויס אירע הענט
אַ ווערבע צו איר מיט געבעט
נאָר זי אײלט אויף שטיין און שטרויכל,
אין געווירבל צום אויסגעטרוימטן פירמאַמענט.

# איך און גראָז

דער בוים גייט אויף אין גרינעם רויך,
דער הימל איז ניט מער ווי אַ בלויער הויך.
און וואָלקן־ווייס קערט אָפּ אומרו־געזיכט
פון בונטע שטראַלן אינעם זונענליכט.

גיי איך און פאַרגיי אין גרינעם געפלעכט
און הער זיך צו אין מיין האַרץ צום געפעכט
פון שאַרפער שווערד און כ׳פאַרנעם דעם זיין
אויף אַלע שטאַפל־טרעפ פון שאָטן און שיין.

לייג איך זיך אין גראָז, פאַל צו צו נאַסער ערדשויס, —
— איך וואָס בין (אַזוי) קליין און אין מיין קליינקייט — גרויס, —
אַ פויזנדיקער וואָרעם, אַ מילב — פון גאָטס פינגער צעריבן,
אַ גוף, וואָס זיין פיין האָט הימל און ערד באַשריבן.

וואַרף איך זיך אין קראַמפן ווייט פון טרייסט און פון שיין,
שריי איך פון ווייטאָק און פלוצים פאַרשטיי איך און שטיל זיך איין:
איך אַליין בין רויכנדיקער בוים, בין בלויע הימל־פליין.
כ׳בין דאָס גראָז, וואָס ווערט געטראָטן און וועט קיינמאָל ניט פאַרגיין.

# אילוזיע

איי, איי, איי, געווען איז עס אַ ליגן אַ גאָלדענער ליגן;
אויפן דאַך פון דער קינדהייט געפּלאַטערט האָבן ווייסע טויבן;
געזשומעט אין זון — צעשטראַלטע זומער־פליגן.

אין טייך פון באַגינען געבאָדן האָט זיך מאַרמאָר־מוזע
אויף ביימער צעבלעטערטע געבליט האָט אילוזיע;
פייגל האָבן צעשוויטשערט, זיך פאַרגאַנגען אין שירה
צו די נייע ווינטן און צו דער אייגענער יצירה.

אויף שלאַכן געשאַלט האָבן גאולה־כאָרן
און בלוי געפינקלט האָבן און געוווּנקען ליכט־סעמאַפאָרן;
דער מיראַזש האָט זיך אָפּגעטאָן, דאָס ליכט איז צערונען;
אין נעץ פון זיין גיר האָט מענטש זיך פאַרשפּונען,
אין תאווהדיק זויפן זיין חלום אויף אייביק פאַרלוירן.

פון שטראַל און זון, פון טויבן און פייגל איז גאָרנישט געוואָרן...
איי, איי, איי, געווען איז עס אַ ליגן,
אַ גאָלדענער ליגן;
אויפן דאַך פון דער קינדהייט געפּלאַטערט האָבן ווייסע טויבן;
געזשומעט אין דער זון —
צעפינקלטע זומער־פליגן.

# ערשטער מאַי

ערשטער מאַי, ס'זינגט די וועלט
אין וויטאָק און אין פּיין.
ס'חלומט זיך דער פינצטערניש —
אַזאַ גרויסער שיין.
אויף אַלע שפּראַכן רעדט דאָס ליכט
פון אַלע פאַרבן, גאַמען — אַ געדיכט
אויף אַ בריק פון ליידן גייט דער מענטש
צום גרויסן סוד און זיין טראָט איז געבענטשט.
דער וואָס פאַרשטייט זעט: אַלץ איז לויטער פרייד
ס'שטראַלט און פינקלט דער וואָס פאַרשטייט
דער וועג פירט פון לייב און חומר
פון מיראַזש פון מענטש, חיה און בוימער
צו לעצטער אַנטפּלעקונג, צו שטראַלנדיקער אַנטהילונג
צו ריזיקער, צו אַלוועלטלעכער דערפילונג.
ס'זינגט די וועלט אין אומענדלעכן זעניט
און איך, איך אַ יום־טוב'דיקער זינג מיט.

# אַ געבעט

גאָט, נעם מיך פון די ווערטער אַרויס;
נעם מיך פון זיי אַרויס ווי פון שמאַטעס און אָפּפאַל.
טראָג מיך אַוועק אין ריינע פּאַלאַצן פון בלויען שווייגן.
שטיל איין דעם רויש, פאַרטויב דעם ליאַרעם אין מיר,
עפן אויף פאַר מיין אויג דעם ליכטיקן אויסבליק
פונעם קלאָרן געדאַנק.
לעש איין די לאַווע פונעם ווולקאַן,
וואָס קאָכט אין מיין בלוט,
כ'וויל — אַ געשמידטער פון ליידן
און ווייך ווי לאָנקע־גראָז, —
גיין אין דיין אייביקן געשפּאַן.

# שרפות

וועלדער ברענען.
ס'איז בוימער־לייב אַרויס פון זיין קאָרע־שטייג
און פייער־וועוויורקעס שפּדינגען פון צווייג צו צווייג
און ווינט יאָגט אויף זיי, שטיקנדיקן רויך
ביז שוואַרצן נידער און ביז פאַרשרפּהטער הויך
אומעטום דער גסיסה־קרעכץ פון וואָרצלדיקע שטאַמען,
אומעטום — דער קנאַק פון רויטע צונגען אין העלישע פלאַמען.

פייגל ברענען.
ס'האָט ווער אַ פונק געוואָרפן, פוך געצונדן.
אַ שטאָל־געבראַזג, אַ קראַכנדיקער דונער און איצט
קראַמפּן אומשולד־גופים אין בראַנדיקע וווּנדן
ווייסע פעדערן ווי שנייען, צעפליען זיך ווי פינקלדיקע שטערן

ס'שטומען עופות אַנגסטיק אין גסיסה־ווייען.
וואָס וועט פון זייערע ווייך־פעדערדיקע לעבנס ווערן?
פייגל ברענען, לעשן פייער מיט דיין געבעט צי וועסטו קענען?!

# אין אַ האַרבסט-טאָג

האַרבסט־פייגעלעך, מיט בלויען נעפּל באַצויגן,
פליען אַריין אין אַ בוים.
זוכן וואַרעמקייט אין זיין נאַקעטן געצווייג,
טראָגן אַוועק פון דאָרט אומעט פון פאַרגיין.
צעטראָגן עס אַרום און אַרום אין רוים.

כ׳בין מענטש...
און כ׳טראָג אויף זיך הויקער פון שטיין,
פון צעמענט פון גאַס, בולוואַר און סקווער;
דעם זיפץ אין זיך כ׳טראָג: „ווי דאָס לעבן איז שווער!״

און כ׳וויל אַזוי פייגלדיק צערינען אין בלוי,
אַריינפליען מיט אומשולד־פלאַטער אין אַ בוים,
צעפינקלען אין פאַרבן־שפיל די וועלקנדיקע גרוי,
און טרוימעריש ווי דער האַרבסט־טאָג פאַרגיין.

# שני

ס׳איז מיך באַפאַלן, כ׳וויס נישט פאַרוואָס, —
אַ ווילדע פרייד,
אין בלענדיקן כאַאָס
וואָס האָט פוכיק געשנייט.

אין ווייסקייט די ערד
שוועבט לויטער אַוועק.
און פון דער נשמה דעמפּט אויס
ווייטאָק און שרעק.

לייכט ווי אַ פעדער
איז דער אייגענער גוף
און ער פליט אין שניי־קאַראַהאָד.
די מאַסע איז פאַרשוווּנדן —
פאַראַן נאָר טוי און פרישקייט פון סוד
ס׳שנייט און ס׳בלויט
אין אומענדלעכן רוים.
און דאָס בלוט זינגט
אין ריינקייט פון טרוים.
נישט ס׳יאָמערט, נישט ס׳שרייט,
נאָר ס׳צערינט אין שטילקייט
און ווייט.
כ׳וואַרף פון זיך אַראָפּ
יעדן שפּור פון וואָג און פון צייט
און פאַרגיי
אין העלקייט פון שניי.

# דעמער

כ'האָב געזען אַ פעלד אין זונפאַרגאַנג;
אַ קו האָט דאָס גראָז געגאָגט מיט באַנג.
די פאַרבן לעשן זיך, ס'גוססט דאָס ליכט;
די לופט זאַמלט אין זיך חושך שיכט נאָך שיכט.
און כ'זע אים, דעם אומעט, וואָס צעלייגט זיך אומענדלעך־שווער;
ער נידערט אין טאָלן, שטייגט אין די הייכן און וואַקסט אָן אויפהער.
כ'קוק אויף אים שטאַר און אין מיר דעמערט דער טאָג
מיט גרויסער בענקשאַפט און כ'זאָג:
ווי דער אומעט האָט ליב
די פעלדער נאָך שקיעה
צו הילן אין פיאָלעטענער טריב,
וואַרפנדיק אין זיי די זריעה
פון אַנונגען און באַנגען!
ס'וועלן ווען אויפגיין אין שיינען
פולע און צייטיקע זאַנגען;
דערווייל איז ערד צעקאַרבט און צעאַקערט פון פיינען.
און אין מיר — דער ווייטאָק העלט ווי אַ שטערן;
אַרום און אַרום — טויאיקע נעפלען,
וואָס דעמפן מיט באַנגפולע טרערן.
כ'בויג מיך אונטער לאַסט פון מיין צער,
איבער די הרודעס פונעם אַקער,
צו לייענען אַרום וועלטישן גזר,
אין אויסגעלאָשענעם זונען־פלאַקער.
אָבער ווען כ'בויג זיך אַראָפּ
שימערן אַנטקייגן בלימעלעך
ווי שטערן — אומעטום פאַרזייט;

דאָס איז אַזאַ העלע שריפט
פון וועלטישער שיינקייט און אמת,
וואָס טרייסטנדיק טריפט,
ס'רעדט אין געבעט:
אָט איז אונדזער שיין,
זע עס און נעם עס,
ער וועט קיינמאָל פאַרלוירן גיין,
ער בלייבט אין דיין ווייטאָק,
ער שטראַלט אין דיין געוויין.

# ווינטיקע פרייד

ווינט בלאָזט איצט אין הימל פאַרוסן,
די ערד איז איצט אַ שווימענדיקע שיף;
ווי שכורע וויגן זיך מענטשן אויף אַלע גאַסן
צום געזאַנג וואָס לאָקט פון טיף.

כ'ווייס נישט: ווּהין מיר פאָרן אַלע?
ווער איז דער אומגעזעענער קאַפּיטאַן?
ס'טריפט מיט ווינט יעדער ערדשפּאַן
און די פרייד שלאָגט צו מיר אין אַ מעכטיקער כוואַליע.

פון שמאַראַגד־היילן זינגען צו מיר לוסטיק סירענעס.
כ'הער, ווי זיי פּליסטערן אַרום:
„נעם ערד אַרום און פאַרקלעם עס
צערטל עס און גלעט עס ווי אַ לעבעדיקע בלום".

אַלע קנוילן זענען אויפגעפלאַנטערט,
און אַלע פראַגן שמייכלען אויף צום ליכט.
ס'האָט מיין גייסט אין טיפן באָדן,
זיך דערשלאָגן צו דער לעצטער שיכט.

# אַ שיין אין דער נאַכט

(סאָנעט)

אַ שיין האָט געוואַנדערט אין די שוואַרצע רוימען פון נאַכט
און געזוכט אַן אויג וואָס איז אָפן.
נאָר געווען איז יעדער שוואַרצאַפּל פאַרמאַכט.
און שטראַל האָט זיין ברודער פון ליכט ניט געטראָפן.

מיט רויטער בושה געוואָלט האָט ער פאַרלאָזן די ערד,
אין ציטער פון צער, אומגעטרייסט און אָן האָפן;
האָב איך זיין ציטער אין מיין האַרץ דערהערט
און אים גענומען אין נעץ פון מיינע סטראָפן.

פון ליכט־וועב אַ סוכה אין דער נאַכט זיך געבויט;
אינאיינעם דאָרט וויינען אונטערן שטערן־דאַך.
עס טריפן איבער אונז טרייסטן פון הימל וואָס בלויט,
שיקנדיק צו אונז זיינע גרוסן דורכן גרינעם סכך,

האַלטנדיק איבער אונז זיין ליכטיקע וואַך
וואָס באַהעלט יעדן עלנט און שמאַך.

# ערד און שטאַם

(סאָנעט)

פלאַטערן פון פערים דין־דינע,
יולי־ליכט אין כמאַרעס בלאָע.
אין לופט אָטעמט זומער־שכינה,
יעדעס גרעזעלע — צאַפּלט פון הנאה.

עס איז וווקס און רייפקייט אין שטאַנג און זאַנג.
זון־בלוט פולסירט אין יעדן אָדער פון דער ערד.
און איך גיי מיין אייביקן גאַנג
צו שטאַם און וואָרצל וואָס נערט.

טרינק איך זיך אָן מיט געווירצן און בלומען
דעם ריח פון וואַלד מיט פרייד כ'שלינג
דער טעם פון יאַגעדעס און שוועמלעך — אין מיין גומען.
מיין געביין איז פון שטאַמען־קייט — אַ רינג.

מיט פייגל און פלאַטערלעך אין בלוי איך פלי
און בענטש אַרום זיך זומערס זשומענדיקע מי.

# גורל־ראָד

די אייביקייט האָט די מאַטעריע געטאָן אַ קנייטש און אַ גלעט
ס'איז אויפגעגאַנגען מענטש, מען האָט צו אים צוגעהאָפטן עטיקעט,
נאָמען, לאַנד, פאָלק, יאָרהונדערט.
און די צייט איז געפלאָסן, געשטוינט, זיך געוואונדערט.
די צייט האָט געקנאָטן, געמישט און פאַרשניטן.
פריער באַהאָפטן דערנאָך אויפגעלייזט אַטאָם.
ביז עס האָט דעם מענטש פאַרשלונגען געווירבל פונעם תהום.
און איך באַוויין אים, איך, אַ מענטש אין זעלבן גורל־ראָד,
געפאַנגען אין פיינען און אונטערן שאָרך פונעם אייביקן סוד.

# עקסטאַז

דער הימל איז העל — אַ בלוי־ווייסע פּאָן.
דאָס לעבן יעדע מינוט הויבט זיך אָן.
אין תכלת שווימען די וואָלקנס ווי מעוועס,
אין פאַרשיידענע פאָרמען, פאַרבן און טבע'ס,
כ'שפּרייז אויף דער ערד און אין רוימען כ'שוועב.
מיט אַלץ וואָס גערייט איך אָטעם און לעב.
הייליקע פשטות איז אין קאָמפּליצירטן פאַרשפּרייט.
פונעם דומם ביז מענטש און פּלאַנעטן ציט זיך איין קייט
און זוען ס'רייסט זיך איבער אַ רינג און פאַרזינקט אין טויט
באַדעקט זיך גלייך די חלל־ווונד מיט אַ באַנייטער הויט.
ס'איז אייביק דער פלוס פון ליכט און פון שיין.
אַ דימיון איז נאָר דער ווייטאָק און פּיין,
די מחיצות פון לייב פאַרשווינדן, צאָל און מאָס
ווערן פאַרשלונגען אין בראשיתדיקן אורכאַאָס.
ס'כשופט דער זיין, ער העלט, שטראַלט און בלענדט
פון אומענד ביז אומענד.

# מאַי

דער מאַי איז געקומען, נאָר דו ווערסט אים נישט זען,
דער מאַי איז געקומען; ער איז זוניקער ברען,
ער איז פייכטע, צעפּאַטלטע גרין, לילאַ־לאָקן,
ווייסער לאַנדיש, אין בלויע ווייטן — העל צעקלונגענע גלאָקן,
ער אָטעמט אינעם עטער מיט פולע ברייט־צעעפנטע לונגען.
ער איז דעמיורגיש צעפינקלט, מעשה־בראשיתדיק — צעזונגען.
דער מאַי איז געקומען, נאָר דו ווערסט אים נישט זען;
פאַרשפּאַרט וואָס דו ביזט אין די קראַטן פון שפּעטער און געוועזן;
שטענדיק נאָכגייענדיק נאָך דער כימערע פון דיין אייגענעם שאָטן,
איבער זיך די אייביקע צוואַנגען, די שטענדיקע פאַרבאָטן.
פאַרוויקלט אין פענער פון פאַרטייען, אין בראָשורן־פּאַפּיר,
פאַרוויגט מיט אילוזיע, און איבערייסנדיק יעדן באַריר
מיטן גרינעם לעבן, ניט געפּאַקט אין צייטונגס־פּאַפּיר.
דער מאַי איז געקומען — מיין האַרץ וויינט: צי ווערסטו שטענדיק אַזוי זיין?
פאַרמאַכט פאַר דער איצטיקער רגע, פאַר דעם איינציקן שיין,
נישט אויסשטרעקנדיק דיינע הענט צום לאַנדיש און בעז צו אַלץ וואָס געדייט
וואָס אין שיינקייט און שטראַלונג גייט אויף און פאַרגייט.
נעמען דעם איצטער, לעבן פול און גאַנץ די איצטיקע שעה,
אויסשרייענדיק הויך צו הימלען: „כ'לעב, כ'בין איינציק און איצטיק דאָ,
דער מאַי איז געקומען נאָר צי ווערסטו אים זען?...

# יוני-נאַכט

אַ נאַכטישער בוים
האַלט אַ לאַמטערן אין זיין געצווייג,
דער שיין נעמט אים דורך
און ציטערט אויף זיין יעדן בלאַט.
גאָלדענער זוים,
נאַכטישע שוואַרץ,
אויסגעשטרעקטע, בוימישע הענט,
ווי דער סנה ברענט
און ווערט נישט פאַרברענט.
כ'זע און כ'שווייג,
כ'האָב נישט קיין וואָרט.
ווי דער בוים,
ווי די אומענדלעכקייט איבער מיר.

# בײנאַכט אין אַ קאַפע

נאַכט, נאָך חצות.
ס׳שפּאַלט זיך אויף צווײען דער כאַאָס;
אָט איז דער הײנט, װאָס איז נעכטן געװאָרן,
װאָס פלאַטערט פאַרשעמט אין זכרון:
טראָפּן נאָך טראָפּן אָפּגעטריפטע מינוטן,
אין שוים פון די בירן, אין זידן פון װײנען און בלוטן.
און אָט איז געקומען צו שלײכן דער סוף.
ס׳לאָקט די שװאַרצקײט פון שלאָף.
זי שלינגט אײן די ליכטער אין די נעאָנען,
זי לײגט זיך אויף די אַקסלען פון מידע גאַרסאָנען,
מאַכט צו דעם פּנקס און די אויגן פון באַלעבאָס.
ס׳געגנעצט אַ בלײכער דער כאַאָס, —
נאַכט נאָך חצות.

כ׳זע אויף די װענט
װי אויף װײס־פאַרשלײערטע עקראַנען,
ס׳באַװעגן און ציען זיך הענט
צו פלעשער, צו צאַפּנס און קראַנען.
כ׳פיל אין דער לײדיקער קאַפע דעם אָטעם
פון גלוסטיקע המונים, פון לעכצנדיקע שבטים.
כ׳הער װי ס׳װאַרפן זיך אַנגסטן װי שלאַנגען.
אין די שפּיל־אויטאָמאַטן װעקן זיך מעלאַנכאָליש געזאַנגען.
פון אַלע לעכער און נאָרעס, פון אַלע רוימען,
װי געטריבן פון אַ װינטישן װאָיען אין קוימען,
אין פאָספאָר־שײנען און אויף קרומע בעזימס צו רײטן,
זײ קומען, זײ שלײכן פון מיסטישע װײטן.

הויקער אויף הויקער, גוף אויף גוף.
ווונד אויף ווונד — זיי קומען צו הינקען אויף עמעצנס רוף.
שדישע בתולות מיט ווייסע ווענוס־ציין לאַכן,
בערדיקע סאַטירן די ווייבער באַוואַכן.
ס'זענען אויך יידישע מתים געקומען,
פון אַלטע שולן, פונעם שטעטל, פון פרומען.
ס'פלעכטן זיך סקעלעטן, אַנציייניקע מיילער שפּאָטן.
ס'קלאַפּן אויס ביינער מאַקאַברישע פּאָקסטראָטן.
ס'פּויקן אין טאַצן די דזשאַזן
ס'רייסן זיך הימנס צום שטן.
ס'וואַרפן אויגן פונקען פון גלי:
„בישטאָ קיין געזעץ, קיין געבאָטן".
ס'הירזשעט פאַרכלינעט די לוסט און האַלט אין איין שרייען:
„לית דין ולית דיין!"

*

אויף שטעגן פאַרבלוטיקטע, אָן אַ בוים און אָן גראָז,
אויף צעפיצלט, צעשטויסענעם פלעשער־גלאָז,
באַגלייט פון שנייאיקע זאַווערוכעס
און געטריבן פון נאַכטישע רוחות,
בין איך געקומען אַהער, צום ראַנד פון כאַאָס, —
אַ שיף, וואָס האָט פאַרלוירן איר האַפן
אַ מענטש, וואָס האָט אויפגעהערט האָפן,
אַ נאַכט־וואַנדלער פאַר וועמען די פחדים־טיר איז נאָר אָפן.
ס'קרייזן אַרום פלעדער־מייז און שפינען געהיימע
דעם קאָפּ פאַרוועבן אין אַ נעץ פון אימה
אַהער צו דער לוסטיקער נאַכט־קאַפּע צום שאָטנס־קנויל,
אַהער צו דעם אייביקן שכרות־גרויל.
צום אַלפאַרשלינגענדיקן כאַאָס —
נאָך חצות.

# רויכן

פאַרגאַנגענע לעבנס, פאַרזונקענע זונען,
טעג וואָס האָבן ליכטיקע געוועבן געשפּונען
און זענען פאַרפלאָסן ווי ווייט־בלויע טייכן,
לעבנס וואָס ליגן איצט ווי סקעלעטישע לייכן.

אין שלייכנדיקע שאָטנס, אין שטויביקע רואינען,
זוכנדיק זין גיי איך אום אָן אַ זינען.
די צייט האָט אויפגעהערט וווּנדער צו שפּינען,
און כ'קען אין ערגעץ קיין פרייד נישט געפינען.

צעשמעטערטע טעמפּלען, מזבחות פאַרשוועכטע,
איין גורל האָט פאַרטיליקט זינדער און גערעכטע,
פאַרברעכער און געהייליקטע אין גלויבן;
אַלציינס זיי לעקן איצט אַלע ערדישע שטויבן.

און נאַכטישע לצים וויזן איצט שפּאָטישע צינגער,
צום פאַרחלומטן שפּעטלינג, צום ראָמאַנטישן זינגער,
וואָס האָט אין ערגעץ נישט אַתיקון געפונען
און אַלע אילוזיעס זענען אים ווי שפּינוועב צערונען.

ראָמאַנטישע רויכן, אין בענקשאַפט אויסגעהויכטע יאָרן!
ס'זענען אין האַרבסט־זאַווערוכעס פאַרשטומט געוואָרן
אַלע פּאָעטישע עקסטאַזן, ווי דערשראָקענע פייגלשע כאָרן
אין ס'שטומט אין אומענד גאָטס פאַרלענדנדיקער צאָרן,
אַ בלענדנדיקער אין גרויל גאָטס צאָרן אַנטקייגן —
אויף אַלע געדרייען, אויף אַלע פליינען און וועגן.

אויף מזבחות פון לוסט צי האָסטו געריכערט די זינדן
אָדער די טעג געפּיטערט אין אומשולד און תמימות
צי האָסטו געשיקט דיינע רופן צו דורשטיקע אינדן
און פאַרזונקען אין שויס פון טיפעס, אינטימעס,
קין צי הבל, שולדיק אָדער ניט, —
ס'וועלן דיך ניט מיידן דעם גורל'ס טריט...

פאַרלאָשענע, זונען, העלישע בלענדן,
אויסגעהויכטע טויען אין אומענדן,
פּלאַנעטן וואָס זענען שאָטנס געוואָרן.
אויסגעדעמפטע, פאַרגאַנגענע, פאַראַשיקטע יאָרן!...

# הנני העני ממעש

הנני העני ממעש,
אין קאָשמאַריקער פּרעמדקייט פון גאַס
אין בלאַסקייט פון דעמער.
איבער מיר דער אייביקער געבער און נעמער,
דער וואָס האַלט אין איין אויפגיין און פאַרגיין, אין איין מאָנען,
וואָס פאַרבאָרגט זיך אין אַלע פאַלדן
פון מיין לייב און האָט נישט קיין פּנים,
הגם ער קליידט זיך אין אַלע גופישע געשטאַלטן.
הנני העני ממעש,
בלוי־צעשראָקן
און בלאַס
נאָך אין שוים פון אויפגיין
און שוין — אַ זקן.
מיין גוף ווי אַ קנויט
איז צעצונדן אין אייביקייט־פלאַם,
און ס׳בלאָזט אויף אים דער טויט,
ווי איבער אַ צעברויזטן ים,
גאָט׳ס אָטעם אין ווינט
אָן אויפהער אין געשטייג
צו זיין געהיימען ציל,
הויבנדיק אויף און אָפּ די פּערל־שוימען.
בלאָזט און צערינט.

הנני העני ממעש,
אין פלאַנעטישע רוימען,
אַ וואָרעם, וואָס פויזעט און קריכט

אויף דער מענטשן־גאַס.
נאָר אינעם נאַכטישן הושך
העלט אויף אַ ליכט
אין כאַאָס ווערט געבוירן פאָרם
און מיט אַ מאָל ווייס איך:
מיין בלייבקייט וועט אויפלויכטן אין שוואַרץ
ווי דער פינקל פון אַ גלי־וואָרעם.
פעדים ווי שטראַלן שפינוועבס
ציען זיך פון ווייטע וועלטן
צו מיין עלנט־ווייַנענדיקן האַרץ.

# צו אייך, פאַרוואָגלטע

ווי קאָן איך אויסשרייען מיינעם — און אייער געשריי,
געשריי פון אַ פויגל, געטראָפענעם פון אַ יעגער־קויל?

ווי קאָן איך אויסדריקן אין וואָרט
און בינדן אין זאַץ, גאָר דעם שוידער און גרויל.

גאָר דעם, פלוס פונעם אין מיר געבליבענעם געוויין?
אָ, ניין!...

כ'זע אייך פאַרטריבענע, ווו כ'זאָל ניט זיין
און וווהין כ'זאָל ניט גיין.

כ'הער אומעטום אייער פאַרשוויגענע שטים.
פון אומעטום דערגרייכט צו מיר אייער ניט געוויינטער געוויין.

ס'איז אַזויפיל אייגנס אין מיין געדאַכט,
אַזויפיל בלוטנדיק־אינטימעס!

ווי קאָן איך אויסריידן דאָס שטראַלן
פון אייערע ליבע געזיכטער אין אומשולד
און ווייטאָקדיקער תמימות!

פּאַריז, אויגוסט 1944

# אַ תפילה

גאָט, אין גיא צלמות זאָל מיך פירן דיין שטראַליקע האַנט.
לעש אין מיר דעם גיהנום־בראַנד
ס׳זאָל ניט בלוטן מיט ווייטיק דער שניט
פון דער צייט אין מיין געמיט.

באַרויש מיך מיט לעטאַ און נאַרקאָז !
הייל מיך מיט קרייטעכצער און מיט פרישן גראָז.
וויג מיך איין מיט דיין בשמים־ווינט ;

פאַרנאַר מיך ווי מ׳פאַרנאַרט צום שלאָף אַ קינד,
דורך שפיל און לעגענדע, אין געשפענסטיקן לאַבירינט.
מיין וועג צו יענער זייט פון יעדן געשען
פאַרזיי מיט העלקייטן און בלומען פון דיין אייביקן חן.

# ביינאַכט אין אַ סקווער

ס'האָט אַ פויגל ביינאַכט געזונגען אין סקווער,
ב'וויס נישט פאַרוואָס אויף מיינע וויעס פינקלט אַ טרער;
פאַרוואָס דעם פויגלס קוואַליקער געזאַנג
רופט זיך אָפּ אין מיין האַרץ מיט אַזאַ באַנג.
כ'וויס נישט פאַרוואָס.
די ערד איז איצט האַרט
און זי חלומט פון גראָז
ס'איז ערב פרילינג, ס'איז מאַרט.
אַ קילער, מילדער ווינטן־בלאָז,
אין הימלען הענגט אַ וויג פון שטערן.
ס'שוועבן בלויקייטן פון די צען ספירות.
ס'אָטעמען אין תוהו וועלטן וואָס האַלטן אין ווערן,
פאַרוואָס דערוואַרט אַזאַ גורל די אַלע יצירות?
פאַרוואָס איז יעדע בלום־בלי אין פאַרבלי?
און יעדע צעל פאַרגייט אין מי
און אין דורשט, אין אייביקן מאַטער?
פאַרוואָס אָט דער שווונג און פליגל־פלאַטער?
וואָס מיינט דער פויגלשער געזאַנג
ביים ראַנד פון אונטערגאַנג?